**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג אקטאבער אלס "משפחה אביוז אויפמערקזאמקייט חודש"**

***פאראדנט סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פוירפל היינט נאכט, אקטאבער 1, און אויף "פוירפל דאנערשטאג", אקטאבער 19, צו באעהרן איבערלעבער***

***ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז און ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס צו צוזאמען אפהאלטן ניו יארק סטעיט קליידער שטריק פראיעקט***

***ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים צו אפהאלטן וועכנטליכע 'אלף בית פון משפחה אביוז' טרענירונג***

***ניו יארק סטעיט אפיס צו אפהאלטן 'אנהויבן די שמועס: אריינברענגען מענער און יונגלעך' פאנעל אין צוזאמענארבעט מיט סירעקיוס אוניווערסיטעט***

***לייענט פראקלאמאציע [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנערקענט אקטאבער אלס "משפחה אביוז אויפמערקזאמקייט חודש" אין ניו יארק סטעיט, ארויסגעבנדיג א [פראקלאמאציע]() און פאראדערנדיג אלע סטעיט צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פוירפל היינט נאכט, אקטאבער 1, און אויף 'פוירפל דאנערשטאג', אקטאבער 19 אין עהרע פון אלע וועלכע ווערן באטראפן דורך אביוז אינדערהיים. קומענדיג אין דעם זעלבן צייט ווי די פראקלאמאציע, וועט די אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) אפהאלטן וועכענטליכע 'אלף בית פון אביוז אינדערהיים' (Domestic Violence 101) טרענירונג און 'דזשענדער-באזירטע אביוז באקאנטשאפט טרענירונג פאר סאָושעלע סערוויס דיסטריקטס' ( Gender-Based Violence Awareness Training for Social Service Districts); זיי וועלן ארבעטן צוזאמען מיט די סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) צו אפהאלטן דעם ניו יארק סטעיט קליידער שטריק פראיעקט; ארבעטן צוזאמען מיט די סירעקיוס אוניווערסיטעט צו אפהאלטן א 'אנהויבן די שמועס: אריינברענגען מענער און יונגלעך' (Start the Conversation: Engaging Men and Boys) פאנעל; און אנערקענען "#PurpleThursday" (פוירפל דאנערשטאג).

"מיין מוטער האט אוועקגעגעבן איר לעבן צו העלפן איבערלעבער פון משפחה אביוז, און איר זכרון אינספירירן מיר יעדן איינציגסטן טאג צו אונטערנעמען שריט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעצט ווען מיר גיבן אוועק צייט צו שטיצן איבערלעבער דעם חודש, אנערקענען מיר אויך אונזער פארפליכטונג צו פארמיידן משפחה אביוז און האלטן ניו יארקער זיכער. איך בין פארפליכטעט צו נוצן יעדע כלי וואס שטייט מיר צום האנט צו ברענגען אן ענדע צו משפחה אביוז און שטיצן איבערלעבער."

אויספאלגנדיג עקזעקיוטיוו ארדער 19, האבן אלע ניו יארק סטעיט אגענטורן אוועקגעשטעלט אינערליכע 'דזשענדער-באזירטע אביוז און די ארבעטספלאץ' פאליסיס, און די אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים האט טרענירט כמעט 70,000 ניו יארק סטעיט רעגירונג ארבייטער איבער דזשענדער-באזירטע אביוז און די ארבעטספלאץ.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָווענס, האט געזאגט,** "משפחה אביוז בלייבט נישט אינדערהיים, און דערפאר דארפן מיר רעדן דערוועגן נישט נאר ווען עס געשעהט אינדערהיים. די וועלכע ווערן באטראפן דורך משפחה אדער דזשענדער-באזירטע אביוז, ווענדן זיך אפט פאר הילף ביי זייער ארבעט, אין זייער קאמיוניטי און פון זייערע באליבטע. עס איז צייט אנהויבן די שמועס און זיין באקאנט מיט די מיטלען וועלכע זענען דא צו באקומען. די OPDV איז שטאלץ צו האבן טרענירט כמעט 70,000 סטעיט רעגירונג ארבייטער מיט די דזשענדער-באזירטע אביוז און די ארבעטספלאץ טרענירונג וואס גיבט זיי די כלים צו אדרעסירן אביוז משפחה און דזשענדער-באזירטע אביוז ביי די ארבעטספלאץ. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן באשיצן ארבייטער וועלכע גייען אריבער דזשענדער-באזירטע אביוז און פאר אייער אנגייענדע פארפליכטונג צו די וויכטיגע נושא."

אין צוזאמענארבעט מיט סירעקיוס אוניווערסיטעט, וועט די OPDV אפהאלטן א פאנעל איבער די צוזאג פון אחריות קעגן דזשענדער-באזירטע אביוז (Pledge of Accountability Against Gender-Based Violence). די צוזאג איז טייל פון א ברייטערע סטעיט אונטערנעמונג צו פארמערן די ראלע פון מענער און יונגלעך אין פארמיידונג פון אביוז. בשותפות מיט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ, איז די OPDV ארויסגעקומען מיט די צוזאג פון אחריות קעגן דזשענדער-באזירטע אביוז און אונזער 'אנהויבן די שמועס: אריינברענגען מענער און יונגלעך' מידיע קאמפיין אום אפריל 12. די פאנעל וועט זיך קאנצעטרירן אויף א שמועס איבער די סיבות פארוואס די פאנעליסטן האבן אונטערגעשריבן די *צוזאג פאר אחריות קעגן דזשענדער-באזירטע אביוז* און איבער וויאזוי זיי פארמיידן דזשענדער-באזירטע אביוז אין זייערע לעבנס. די געשעעניש וועט פארקומען ביי סירעקיוס אוניווערסיטעט אויף אקטאבער 24, 6 אוונט. די OPDV וועט פארזעצן צו אדווערטייזן זייער צוזאג פאר אחריות קעגן דזשענדער-באזירטע אביוז. זינט עס איז ארויסגעקומען אין אפריל איז די OPDV געווען שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט-און ארויסהייבן צוויי ניו יארק סטעיט בעאמטע און 10 ניו יארק סטעיט אגענטורן אזוי ווי זיי האבן גענומען אויף זיך די צוזאג פאר אחריות.

די אגענטור וועט אויך אנערקענען משפחה אביוז אויפמערקזאמקייט חודש דורכן אפהאלטן דעם ניו יארק סטעיט קליידער שטריק פראיעקט. דער ערשטער קליידער שטריק פראיעקט איז געווען אין חודש אקטאבער פון 1990, מיט 31 העמדער אויפגעהאנגען אין די ווילעדזש צענטער פון הייעניס, מעסעטשוסעטס, אלס טייל פון א יערליכע "נעם צוריק די נאכט" (Take Back the Night) מארש און ראלי. דורכאויס די טאג זענען פרויען ארויסגעקומען צו מאכן העמדער, און די שטריק האט געהאלטן אין איין וואקסן. די אקט האט פילע צוועקן. עס דינט אלס אן אויפקלערנדע מיטל פאר די וועלכע קומען זעהן די קליידער שטריק; עס ווערט א היילונג מיטל פאר יעדער וואס מאכט א העמד — דורכן אויפהענגען א העמד אויף די שטריק קענען איבערלעבער, פריינט און פאמיליע בוכשטאבליך וויזן די רוקן פאר טייל פון די ווייטאג פון זייער ערפארונג און אוועקגיין דערפון; צום שלוס, ערלויבט עס פאר די וועלכע ליידן נאך שטילערהייט צו פארשטיין אז זיי זענען נישט אליין. די אויסשטעלונג ביי די עמפייער סטעיט פלאזא פאסאנזשירן זאל וועט גיבן אינפארמאציע איבער לאקאלע סערוויס פראָוויידערס און ניו יארק סטעיט הילפס-מיטלען.

די OPDV וועט אויך אפהאלטן 'די אלף בית פון משפחה אביוז', אן איין-שעה'יגע ווירטועלע טרענירונג קלאס פאר איינגעשטעלטע, סופערווייזארס און אדמיניסטראטארן וועלכע ארבעטן אין לאקאלע

דיסטריקטס, פריוואטע נאָן-פּראפיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען און אנדערע פראפעסיאנאלן וועלכע העלפן איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע און משפחה אביוז. די אינטערנעט-באזירטע טרענירונג איז א יסודות'דיגע ארייפיר צו דזשענדער-באזירטע און משפחה אַביוז, אריינרעכענענדיג די פונקטליכע באדייט פון טערמינען, צושטימונג און סטאטיסטיקס.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "משפחה אביוז באטרעפט אזוי פילע מענטשן און פאמיליעס אריבער ניו יארק מיט טראגישע און חורבנות'דיגע קאנסעקווענצן, און עס איז אזוי וויכטיג אז איבערלעבער זאלן באקומען אויסערגעווענטליכע הילפס-מיטלען און אנטשיידענע שטיצע. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט און פארפליכטונג צו אדרעסירן די נושא מיט א פלאן פון אקציע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services, OCFS) צייטווייליגע קאמישאנערין, סוּזען מיילס-גוּסטאַוו, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן זיין אזא געוואלדיגע קעמפערין פאר משפחה אביוז איבערלעבער. אזוי ווי די OCFS שטרעבט צו באשיצן אונזערע קינדער און פארשטערקערן פאמיליעס, איז דאס קלאר אז אנגייענדע צוזאמענארבעט צווישן מענטשליכע סערוויסעס אגענטורן און שתדלנים זענען גאר וויכטיג צו האלטן קינדער און די ערוואקסענע אין זייערע לעבנס זיכער. מיר זענען אזוי שטאלץ מיט אונזער לאנגיאריגע שותפות מיט די OPDV, אין וועלכע מיר העלפן ארויס מיטן טרענירן לאָקאלע סאָושעל סערוויסעס דיסטריקטס איינגעשטעלטע און העלפן איינפירן די 'זיכער און צוזאמען' ( Safe and Together) מאדעל — א צוגאנג וואס באזירט זיך אויף שטארקייטן צו קאנפראנטירן משפחה אביוז. דורכאויס דעם חודש איז די OCFS באעהרט צו ווייטער שטיצן די באמיאונגען דורך פובליק אויפמערקזאמקייט און אויפקלערנדע פראגראמען, און אזוי אויך דורכן ליפערן געברויכן צו אונזערע לאקאלע שעלטערס כדי זיי זאלן קענען צושטעלן מער קעיר און ממשיות'דיגע הילפס-מיטלען פאר משפחה אביוז איבערלעבער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA) צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "די באגעגעניש צווישן משפחה אביוז און ארימקייט איז א זאך וואס קען נישט פארלייקנט ווערן, און דער משפחה אביוז אויפמערקזאמקייט חודש איז א גוטע צייט פאר אונז אלע צו פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו שטיצן איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע אביוז. די OTDA איז שטאלץ מיט אירע באמיאונגען צוזאמען מיט די OPDV צו זיכער מאכן אז די סאָושעל סערוויסעס ארבייטער וועלכע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס זענען טרענירט און קענען זעהן ווען איינער איז מעגליך אריבערגעגאנגען אביוז דורך זייער משפחה פּארטנער און זיי פארבינדן מיט די שטיצע און סערוויסעס וואס זיי דארפן צו סטאביליזירן זייערע לעבנס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוסאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "מיין מאנשאפט איז איבערגעגעבן צו צושטעלן פינאנצירונג, טרענירונג און אנדערע הילפס-מיטלען פאר לאקאלע קרימינאלע יוסטיץ שותפים און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע העלפן קורבנות און איבערלעבער פון אביוז צווישן מענטשן צו טרעפן די סערוויסעס און שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען לעבן זיכערערהייט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די נושא און פארן ארבעטן אן אויפהער צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז א זיכערע פלאץ פאר יעדן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "די וועלכע ווערן באטראפן דורך משפחה אביוז ווייזן ארויס העלדישקייט און שטארקייט דערנאך, אבער זיי מוזן וויסן אז זיי זענען נישט אליין. צייט זיך צו היילן, סיי פיזיש און סיי גייסטיש, איז קריטיש צום לעבן

נאכן זיין א קורבן. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן שטיצן איבערלעבער און זיכער מאכן אז ניו יארק קען צושטעלן א זיכערע פלאץ פאר די וועלכע לאזן איבער אביוז צו אנהויבן א פרישע לעבן."

ניו יארק סטעיט'ס משפחה און סעקסועלע אביוז האטליין גיבט אומזיסטע און געהיימע שטיצע 24/7 אין רוב שפראכן: 800-942-6906 (טעלעפאן רופן), 844-997-2121 (טעקסט מעסעדזשעס) אדער @opdv.ny.gov (זיך שרייבן דורך די אינטערנעט). מענטשן קענען אויך באזוכן www.ovs.ny.gov/connect צו טרעפן א קרבנות הילף פראגראם אין זייער קאמיוניטי. די אפיס פון קורבנות סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט אויך 239 קורבנות הילף פראגראמען אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו קריטישע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, קעיס מענעדזשמענט, עמערדזשענסי שעלטער, ציווילע לעגאלע הילף און הילף זיך צו אריבערציהען צו א נייע פלאץ – צווישן אנדערע סארטן הילף – פאר קורבנות און איבערלעבער פון משפחה אביוז, סעקסועלע אנגרייף און אנדערע פארברעכנס, ווי אויך פאר זייערע פאמיליעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן